בס"ד

# בולעטין # 2

## וועד משמרת הצניעות העולמי

ארגון מוקדש להחזיר עטרת הצניעות ליושנה

**בִּשְׂכַר נָשִׁים צַדְקָנִיּוֹת שֶׁהָיוּ בְּאוֹתוֹ הַדּוֹר נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם,**

**בִּשְׂכַר נָשִׁים צַדְקָנִיּוֹת שֶׁהָיוּ בְּאוֹתוֹ הַדּוֹר, זָכוּ יִשְׂרָאֵל לְבִזַּת מִצְרַיִם**

חודש חשון תשנ"ה

# וועד משמרת הצניעות

## אל הקהל היהודי - אוכל בשוק דומה לכלב

# להסיר מכשול – מהפיצא סטארס!!!

**מורי ורבותי!!!, - עת צרה ליעקב, - די צרה פון די פיצא סטארס איז היינט רח"ל די ארגסטע וואס ס'איז מעגליך זיך צו גלייבן, און צו באשרייבן.**

עלטערן רייסען זיך די האר פון קאפ, עס איז שוין נישט מעגליך אויסצוהאלטן, טאטעס האבן באקומען הארץ אטאקס, סטראויקס, די הצלה לויפט טאג אין נאכט, יונגע מענטשען פון ארום 30 יאר באקומען הארץ אטאקס איינס נאך דעם אנדערן וואס אזאנס איז נאך קיינמאל נישט געווען, וואס איז דא געשעהן?

עס האט זיך די לעצטע צייט ארייגעגאפט אין די פיצא סטארס, וואס זענען באלאגערט געווארן פון די נידעריגע ציונים וואס האבן אין א"י איבער געלאזט אבער האבן בכלל נישט קיין ווייבער, און אויך די נידעריגע מענטשען פון די שומרים האבן זיך ארייגעזעצט אין די פיצא סטארס, גאנצע נעכט הולייעט מען דארט, אהן א שיעור מיידלעך און ווייבלעך וואס קומען אריין דארט ווערן נאכגעקוקט און אטאקירט אויף פארשידענע אופנים, עס רייסט יעדן איד ביים הארץ.

<u>אויך פארן זיי ארום מיט טינקעלע קארס, און רופן אריין מיידלעך און ווייבלעך בעקלאמפערשט זיי אהיים צו פירען, ווייל עס איז דאך ביינאכט, און עס איז א סכנה אליין אהיים צו גיין, וד"ל.</u>

מיר טארן נישט ארויס שרייבן די מורא'דיגע פאסירונגען אין קאנעקשענס וואס עס זענען דארט פארגעקומען, די ערשטע זאך גיבן די בריונים פאר די מיידלעך זייער ביפער, אז מען קען זיי רופן נאך הילף, וד"ל.

טאטעס האבן זיך שוין קריעה געריסן זיי האבען געענצלעך פארלוירן זייערע קינדער רח"ל, יעדע וואך ווערט מען געוואר א נייע שוידערליכע פאסירונג וואס ס'איז געשעהן, אין וואס איז מיט די פאסירונגען וואס קיינער ווייסט נישט?? נאר איין בורא כל עולמים ווייסט וואס עס גייט פאר מיט זיי.

טאטעס וואס האבן בלויז עטליכע חדשים צוריק חתונה געמאכט זייער א קינד, און ער ווערט געוואר אז זיין איידעם קומט אהיים 2-3 ביינאכט, ווייל ער איז פארנעמען מיט די שומרים ארגאניזאציע, און מען האלט זיך שוין ביים גט'ן רח"ל, ווייל....

די טאטעס און מאמעס שרייען און וויינעם און קרעכצען פון טיפן הארץ צום באשעפער טאטע אין הימל העלף מיר!!!

חשובע טאטעס אין מאמעס!!!, מיר פארמאגען אזעלעכע טייערע אוצר'לעך קינדערלעך וואס מיר האבען זיך אזויפיהל געפלאגט אויפצוואקסען, ביז מיר האבן זיי געזהן גרויסע קינדער, אין דא פלוצלינג ווערן זיי פארצוקט פון די ציוניסטישע און אנדערע שמוציגע בריונים!!!

מיר האבן נאר איין עצה די ירושה פון אונזערע אבות הקדושים, כל כבודה בת מלך פנימה, יעדער טאטע מאמע זאלן אלעס טוהן אויף די וועלט חס ושלום נישט שיקן קיין קינד אדער ווייב קויפן אין פיצה סטאר'ס, ווייל זיי קענען ח"ו פארציקט ווערן פון די וועלף וואס זיצען דארט טאג און נאכט.

אויב מען וויל קויפן פיצה איז דא עטליכע עצות: 1. עס איז פארהאנדען פארטיגע פיצה וואס איז אויך אסאך ביליגער ווי די סטאר פיצה. 2. מען זאל באשטעלן פון די פיצה סטארס זיי זאלן אהיים דעליווערן וואס מען וויל. 3. אדער די בעסטע עצה  למגדר מילתא איז, אויפהערן צו עסען פיצה.

חשובע טאטעס און מאמעס!!!, זייט געווארנט נישט אליין איבערטרעטען די שוועל פון א פיצה סטאר, און אוודאי נישט לאזן קיין קינד אריינטרעטן, און דעם זכות וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן בקרוב, ווי עס שטייט אין חז"ל: בזכות צניעות של נשים צדקניות נגאלו ישראל ממצרים.

# וועד משמרת הצניעות העולמי